אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
תשא - פורים
י"ד אדר שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

בס"ד

# מען קען נישט פארשטיין די הנהגה פונעם אייבערשטן, פון איין זייט, און נישט באמערקן די נסים, פון די צווייטע זייט!!!

### » וואס איז פשט פון דאס וואס דער אייבערשטער האט געזאגט 'שווייג, אזוי וויל איך'?!

**נאכדעם** וואס כלל ישראל זענען נכשל געווארן ביים עגל, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער וויל זיי פארלענדן, האט זיך משה רבינו, דער רועה נאמן פון כלל ישראל, אוועקגעשטעלט פארן אייבערשטן און זיך איינגעבעטן אז דער אייבערשטער זאל מוחל זיין פאר כלל ישראל, און דער תורה זאגט אונז אז דער אייבערשטער האט אנגענומען זיינע תפילות, וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ (לב, יד).

**ווייטער** אין די פסוקים זעען מיר זייער אן אינטערעסאנטע זאך, אז נאכדעם האט זיך משה רבינו אויפגעשטעלט נאכאמאל און זיך אנגעהויבן איינבעטן אויף נאך אפאר זאכן, און ווי די פסוק זאגט (לג, יג) וְעַתָּה אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ הוֹדִעֵנִי נָא אֶת דְּרָכֶךָ, און די משמעות פון די בקשה האבן חז"ל איז מבאר געווען (ברכות ז.), אז משה רבינו האט געפרעגט דעם אייבערשטן, 'רבונו של עולם, פארוואס איז פארהאן אזא זאך, אז פאר א צדיק איז נישט גוט, און פאר א רשע איז יא גוט'.

**ווייטער** האט ער געפרעגט (פסוק יח) הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ, און די משמעות פון די בקשה איז אויך געווען אויף דעם אופן, ווי עס איז מבואר אין **מדרש** (שמו"ר מה, ה) "אז עס האט איהם געגליסט צו פארשטיין, די אופן ווי אזוי מען צאלט פאר די צדיקים, און פשט פון די רואיגקייט וואס די רשעים האבן".

**און** עס ווערט מבואר אין ספרים הק', אז מיט די שאלות האט משה רבינו געוואלט גוט פארשטיין, פארוואס זענען מיר אין די וועלט זייער נישט פארשטענדליגע זאכן, פון איין זייט זעהט מען ווי עס זענען פארהאן צדיקים וואס דינען דעם אייבערשטן א גאנצע טאג מיט מסירות נפש, און מיט דעם אלעמען ליידן זיי צאם רח"ל צרות יגון ואנחה, און פון די צווייטע זייט זעען מיר ווי עס זענען פארהאן רשעים, וואס דערצענען דעם אייבערשטן מיט זייער אויפפירונג, וואס טוהן אויף דער וואס עס גלוסט זיך זיי נאר, און האבן פון אלעם גוטן און לעבן און גרינגע און געשמאקע לעבן.

**און** אין פסוק שטייט (פסוקים כ-כג) אז דער אייבערשטער האט איהם געענפערט וַיֹּאמֶר לֹא תוּכַל לִרְאֹת אֶת פָּנָי כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי וגו', וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ, און די **חתם סופר** איז מסביר (אין זיין ספר **תורת משה**), אז דער אייבערשטער האט איהם געענטפערט אויף די שאלות, אז ווילאנג א מענטש לעבט אויף די וועלט, קען ער נישט דערגיין צו פארשטיין די סוד פון אסאך זאכן וואס פאסירן אויף די וועלט, וויבאלד אלע גשעענישן אויף דער וועלט, פון די טאג וואס די וועלט איז באשאפן געווארן ביז צום סוף, זענען געקניפט און געבינדן ווי איין לאנגע קייט, דעריבער קען מען נישט פארשטיין היינט פארוואס איז געשען אזוי צו אזוי, ווייל נאר נאכדעם וואס מען האט ארויס די גאנצע בילד פאר זיך, קען מען פארשטיין א יעדע איינציגע פרט פון דעם.

**און** דאס איז פשט פון 'וראית את אחורי', 'אחורי' מיינט 'נאכדעם', אז מען קען זעהן און פארשטיין נאר 'נאכדעם' ווען אלעס וועט זיך ענדיגן, אבער 'ופנים', פון פאראויס, 'לא יראו' קען מען נישט זעהן און פארשטיין.

**די** גמ' (מנחות כט:) דערציילט, אז משה רבינו האט געזעהן מיט נבואה ווי מען שינדט די הויט פון רבי עקיבא, און משה רבינו האט געפרעגט דעם אייבערשטן 'דאס איז שכר פון דער וואס לערנט תורה', האט דער אייבערשטער איהם געענטפערט 'שתוק (-שווייג), כך עלה במחשבה לפני (-אזוי וויל איך)'.

**און** אין ספר **מכתב מאליהו** (ח"ג עמ' 244) שרייבט דאס מסביר צו זיין ווי פאלגענד: "...אבער עס איז קלאר אז די שאלה פון משה רבינו ע"ה איז געווען, אז ער האט גע'טענה'ט אז מצד די בליק פון די מענטשן אויף דער וועלט, איז דא אין דעם א חילול ה', ווייל אפי' אז רבי עקיבא אליין, האט נישט געהאט קיין שום שאלות, און ער האט געווארט אויף די געלעגנהייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטן, און האט אפי' נישט געפילט די יסורים, אזוי ווי עס ווערט אין ספרים הק' (ספר התשב"ץ סימן תט"ו, ערבי נחל מסעי דרוש א'), אבער מיט דעם אלעמען, איז דאס נישט מעגליך פאר פשוטע מענטשן צו פארשטיין, און אויף דער וועלט זעהט אויס אז עס איז 'הפקר וועלט', און אז די רשעים קענען טוהן מיט די צדיקים וואס זיי ווילן."

"**און** אויף דעם האט דער אייבערשטער איהם געענפערט 'כך עלה במחשבה לפני (-אזוי וויל איך)', דאס הייסט, עס איז דא א געוויסע הנהגה ביים אייבערשטן, וואס איז אין די בחינה פון 'מחשבה', א זאך וואס מען קען נישט טאפן און עס איז פארהוילן. דאס זעלבע איז אויך די הנהגה פונעם אייבערשטן אין די זאכן."

**און** ער לייגט צו און זאגט: "משה רבינו ע"ה האט געבעטן פונעם אייבערשטן 'הודיעני נא את דרכיך', און די גמ' איז דאס מסביר אז ער האט געמיינט צו פרעגן אויף דעם ענין פון 'צדיק ורע לו'. און דער אייבערשטער האט איהם געענפערט וְחַנֹּתִי אֶת אֲשֶׁר אָחֹן וגו', און עס שטייט אין פסוק ווייטער וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ, און די תרגום אונקלס שרייבט אויף דעם "ותחזי ית דבתרי, ודקדמי לא יתחזון", און אזוי ווי חז"ל הק' האבן אונז מבאר געווען, אז נאר נאכדעם (דבתרי) קען א מענטש זעהן און משיג זיין די הנהגה פונעם אייבערשטן, און וואס איז געווען גוט מיט דעם, אבער פון פאראויס (דקדמי) קען מען נישט פארשטיין און משיג זיין."

"**און** דאס מיינט 'שתוק, כך עלה במחשבה לפני', דאס הייסט אז עס איז בכלל נישט מעגליך חוקר צו זיין דעם ענין, און עס גייט אריין אין גדר וואס חז"ל זאגן (חגיגה יא:) אז מען טאר נישט טראכטן וואס איז געווען פאר די וועלט איז באשאפן און וואס גייט זיין נאכדעם, ווייל עס איז פשוט נישט מעגליך פאר א מענטשליכע שכל משיג צו זיין". עכ"ד.

### » עד כדי כך, צוריקקערן די וועלט צו תוהו ובוהו?!

**עס** איז פארהאן א נפלא'דיגע משל פונעם הייליגן גר"א זי"ע, צו פארשטיין אביסל דאס אז מיר קענען נישט פארשטיין די הנהגה פונעם אייבערשטן. ער באציעט זיך אויפן פייט וואס מען זאגט יום הקדוש איבער די עשרה הרוגי מלכות, ווי מען זאגט ווי פאלגענד: "וכשהגיע למקום תפילין, צרח בקול מר ליוצר נשמתו, שרפי מעלה צעקו במרה, זו תורה וזו שכרה, עוטה כשלמה אורה, אויב מנאץ שמך הגדול והנורא, ומחרף ומגדף על דברי תורה, ענתה בת קול משמים, אם אשמע קול אחר, אהפוך את העולם למים, לתוהו ובוהו אשית הדומים."

**איז** ער עס מסביר מיט א משל צו א קעניג וואס האט געבעטן פון א שניידער אז ער זאל איהם אויפנייען א שיינע קלייד, און ער האט איהם געגעבן גאר א ספעציעלע שטיקל סחורה, וואס מיט דעם זאל ער איז אויפנייען. אבער ער האט זיך אויסגענומען מיט איהם, אז ער מוז אויסנוצען די גאנצע שטיק סחורה אויף דעם קלייד.

**די** שניידער האט דאס גענומען, און טאקע געטוהן אזוי ווי די קעניג האט איהם באפוילן. ווען ער איז אנגעקומען צום קעניג איבערצוגעבן די פערטיגע

פרעכטיגע קלייד, האט איהם די קעניג געפרעגט, ווי אזוי קענסטו מיר אויפווייזן אז די האסט אויסגענוצט די גאנצע סחורה ביזן לעצטן טראפ. האט איהם די שניידער געענטפערט, אז די איינציגסטע וועג ווי אזוי מען קען דאס איבערווייזן, איז נאר אויב מען וועט צוריק צונעמען די גאנצע קלייד, און עס צוריק איבערדרייען אויף שטיקלעך סחורה, אזוי ארום וועט מען עס קענען אפמעסטן און זעהן אז עס פעלט גארנישט.

**מיט** דעם איז דער הייליגער **גר"א** מסביר די פייט וואס זאגט, אז ווען די מלאכים האבן געשריגן אויף די שרעקליכע יסורים וואס די צדיקים גייען דורך, האט דער אייבערשטער זיך אנגערופן, זייט שטיל אז נישט 'וועל איך איבערדרייען די וועלט צו וואסער, און צו תוהו ובוהו'. דאס הייסט, אז עס נישט געווען סתם עפעס א סטראשעריי ח"ו, נאר ער האט זיי מסביר געווען, אז כדי צו פארשטיין די הנהגה מוז מען זעהן די גאנצע בילד, פון פאר די וועלט איז באשאפן געווארן, און פון נאכדעם. נאר דעמאלטס קען מען זיך איבערצייגן באשיינפערלך, אז עס איז נישט פארהאן קיין שום אומ'יושר אין מעשה בראשית און אין די הנהגה פונעם אייבערשטן, נאר אלעס איז פונקטליך אויסגערעכענט.

**זעהט** מען פון דעם א גרויסע יסוד און ווי אזוי א מענטש דארף צו לעבן אויף דער וועלט, א איד דארף צו לעבן מיט אמונה פשוטה אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט איז צום גוטן, און אלע פאסירונגען ווערן געטוהן מיט א חשבון און מיט כוונה, און עס איז נישט פארהאן אפי' נישט קיין רגע כמימרא וואס איז נישט פונקטליך אויסגערעכענט, נאר מיר קליינטשיגע מענטשן, קענען נישט דעגרייכן צו פארשטיין די אלע באהאלטענע חשבונות.

**אט** דער אמונה, ברענגט דעם מענטש אז ער זאל זיך אנגארטלען מיט סבלנות, און נישט פראבירן צו חוקר זיין און ווען פארשטיין פארוואס דאס איז אזוי און דאס אזוי, ווייל מיר - בשר ודם - האבן נישט קיין שום וועג ווי אזוי אנצוקומען צו פארשטיין די אלע זאכן.

### » פארוואס האט מען געבויעט די בענקל פון אחשורוש דוקא אין שושן הבירה?!

**עס** שטייט אין די מגילה (א, ב) בַּיָּמִים הָהֵם כְּשֶׁבֶת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ עַל כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ אֲשֶׁר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה, און די גר"א פרעגט אויף דעם, אז לכאו' דארף מען פארשטיין פארוואס באטאנט אונז די מגילה פונקטליך אז ער איז געזעצן אויף זיין בענקל, און אז עס איז געווען אין שושן הבירה.

**נאר** פשט פון דעם איז, אז די מגילה אנטפלעקט אונז מיט דעם א געוואלדיגע השגחה פרטית וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם בענקל, וואס דאס איז די אנפאנג און די הכנה פון די נס פון פורים. ווייל עס שטייט אין **תרגום שני** און אין די מדרשים, אז אחשורוש האט זייער געגלוסט צו האבן א בענקל אזוי ווי שלמה המלך האט געהאט, דעריבער האט ער געזוכט פראפעסארן אין דעם הינזיכט, וואס קענען נאכמאכן די בענקל פון שלמה המלך. אבער ער האט געטראפן נאר אין שושן הבירה. האט מען אנגעהויבן בויען די בענקל דארט, מען האט עס געבויעט אין צייט אפשנידט פון דריי יאר, און נאכדעם וואס מען האט עס פארענדיגט האט מען געזעהן אז מען קען עס נישט פירן צוריק צום הויפשטאט קיין בבל, דעריבער האט אחשורוש מחליט געווען אז מען גייט אריבער פירן די גאנצע הויפטשטאט קיין שושן הבירה.

**און** דאס איז וואס די מגילה דריקט און באטאנט, אז די בענקל וואס מען האט געבויעט איז געווען אין שושן, דעריבער איז אחשורוש אריבער וואוינען קיין שושן, און דאס איז געווען דוקא נאך דריי יאר פון ווען ער האט געקעניגט, ווייל דעמאלטס האט מען פארענדיגט צו בויען די בענקל.

**און** די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט צוגעפירט צו דעם גאנצע דרייעניש איז ווייל אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי וגו', אלעס איז געטהון געווארן נאר צוליב ווייל עס האט געדארפט פאסירן די נס דורך מרדכי, וואס ער האט געוואוינט אין שושן.

**און** די גר"א לייגט צו, אז מיט דעם קען מען פארשטיין די ווערטער פון חז"ל וואס זאגן, אז מען דארף ליינען די מגילה אויף א רייע, פון אנפאנג ביזן סוף, און מען איז נישט יוצא ווען מען לייגט נאר א חלק. און לכאו' איז שווער, וואס פעלט אויס צו ליינען די ערשטע חלק פון די מגילה, ווי מען רעדט ארום פון גרויס אחשורוש איז געווען און די גאנצע מעשה מיט די סעודות.

**נאר** ווייל דער אמת איז, אז אין יעדע פסוק שרייעט זיך ארויס א חלק פון די נס פון פורים, נאר עס איז באהאלטן. דאס אז מען האט געארבעט דריי יאר דוקא אין שושן, וויבאלד מרדכי הצדיק איז געווען דארט, און נאך אפאר יאר גייט מען איהם דארפן האבן, דאס איז א שטיק נס, און אוודאי פעלט זיך אויס דאס צו ליינען, און דאס אריינגעמען אין קאפ.

### » אין בעל הנס מכיר בניסו!!

**דער** הייליגער **חתם סופר זי"ע** איז מאריך (דרשות ח"א דף ל"ב ד"ה כתיב), מסביר צו זיין אט די אלע חלקים פון באהאלטענע נסים וואס מען זעהט אין די מגילה. ער באציעט זיך אויף די גמ' (נדה לא.) וואס זאגט, 'אין בעל הנס מכיר בניסו - דער מענטש וואס מען מאכט איהם א נס, איינערקענט נישט אין זיין נס', דאס הייסט, אז זייער אסאך מאל געשעהן זאכן פארן כלל אדער פרט, אבער מען פארשטייט נישט וואספארא גוטס און טובה גייט ארויסקומען פון דעם.

> "...דאס אז מען האט געארבעט דריי יאר דוקא אין שושן, וויבאלד מרדכי הצדיק איז געווען דארט, און נאך אפאר יאר גייט מען איהם דארפן האבן, דאס איז א שטיק נס, און אוודאי פעלט זיך אויס דאס צו ליינען, און דאס אריינגעמען אין קאפ..."

**און** דאס איז וואס מיר זעען אויף טריט און שריט אין די מגילה. אנפאנג טרעפן מיר אז ממוכן, וואס דאס איז געווען המן הרשע, האט גע'עצה'ט פאר אחשורוש צו הארגענען ושתי, און איבערגעבן די מלוכה פאר א צווייטן, וואס מיט דעם האט ער געוואלט אז זיין טאכטער זאל ווערן די קעניגן (תרגום שני). אבער למעשה האט די אייבערשטער איבערגעדרייט זיין פלאן, און נישט נאר אז ער האט גארנישט פארדינט פון הארגענען ושתי, נאר פארקערט, דורך דעם איז אסתר געווארן די קעניגן, וואס זי איז דער וואס האט גורם געווען איהם אויפצוהענגען.

**אז** מען טראכט אריין פארשטייט מען, אז דאס אז אחשורוש האט מסכים געווען צו הארגענען ושתי, איז א נס נישט ווייניגער ווי קריעת ים סוף, נאר וואס דען, א מענטש איינערקענט נישט אינעם נס.

**אזוי** אויך די מעשה פון בגתן ותרש, וואס דער אייבערשטער האט אונטערגעפירט די גאנצע זאך, אז 'פונקט' מרדכי זאל דאס הערן, און עס איבערגעבן פאר אסתר, כדי אז אין אפאר יאר ארום זאל דאס ברענגען צו די השפלה פון המן.

**אזוי** אויך, יענע נאכט ווען המן הרשע איז געקומען רעדן צו אחשורוש אויפצוהענגען מרדכי, דוקא דעמאלטס האט דער אייבערשטער אונטערגעפירט אז אחשורוש זאל נישט קענען איינשלאפן און ער זאל ליינען די ספר הזכרונות, און אזוי ארום צווינגען המן'ען ארומצופירן מרדכי הצדיק. און דוקא א מינוט נאכדעם וואס ער האט זיך אזוי גרויס געהאלטן אז נאט איהם האט מען געלאדענט צו די סעודה, דוקא דעמאלטס האט זיך אלעס איבערגעדרייט, און איז געגאנגען צום תליה אנשטאדט צו די סעודה. און אזוי ארום איז אויך בטל געווארן די גזירה וואס מען האט געדארפט אויסצוהארגענען אלע אידן אין אלע שטעט, וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם (ט א).

**דער סטייפלער זי"ע** שרייבט (אין ספר חיי עולם פ"ו), ווי פאלגענד: "חז"ל הק' זאגן אונז אין מסכת **מגילה** (יג:) אויפן פסוק (ג, א) אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה גִּדַּל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וגו', "וואס מיינט 'אחר הדברים', נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט מקדים געווען די רפואה פאר די מכה, ווייל דער אייבערשטער איז אלעמאל מקדים די רפואה פאר די מכה".

**אט** דער ידיעה, איז א מורא'דיגע דערמיטוגונג און חיזוק, אז א מענטש זאל קיינמאל נישט אריינפאלן אין קיין ייאוש, זייענדיג אין א שווערע לאגע און אין א צרה, אפי' ווען עס זעהט איהם אויס אז עס איז נישט פארהאן קיין שום וועג ארויס, ווייל דא זעהט מען אז פאר א יעדע צרה, איז שוין אגעגרייט די ישועה, נאר מען דארף מתפלל זיין אז מען זאל זוכה זיין דאס צו זעהן, און מען זאל עוסק זיין אין תורה און יראת שמים און אין מצוות, און קיינמאל נישט אויפגעבן צו זעהן די ישועה וכו'", עכ"ל.